NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12781

# MAYSES FUN AGADATA

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# מעשות
פון
# אגדתא

פון

חיים שויס
און
שלמה סיימאָן

העפט 1

ISBN:0-657-12781-7

ט׳ · 444

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://archive.org/details/nybc212781

# מעשות פון אגדתא

פון

חיים שווים

און

שלמה סימאָן

•

ניו־יאָרק 1936

ארויסגעגעבן פון די מחברים

Copyright, 1936, by
Hayyim Schauss and Solomon Simon
New York

200

# די וואונדער־טוער

# אינהאַלט:


זייט

אריינפיר — 7

חוני דער רעגנמאַכער — 8

חוני'ס אייניקלעך — 14

רבי חנינא בן-דוסא — 18

נחום איש גם-זו — 23

רבי פנחס בן-יאיר — 28

## אריינפיר

די מעשות, וואָס ווערן דאָ דערציילט, שטאַמען פון לאַנג פאַרגאַנגענע דורות. דאָס זיינען מעשות וועגן העלדן, וואָס האָבן אין יענע אַלטע צייטן געלעבט. אָט די גרויסע אידישע העלדן האָבן ניט געהערשט איבער לענדער, ניט געפירט קיין מלחמות און ניט פאַרגאָסן קיין מענטשלעך בלוט. זיי זיינען געוועזן גרויסע אידישע לערער און וועג־ווייזער. מ׳האָט זיי גערופן תנאים און אין שפּעטערע צייטן אַמוראים.

די מעשות, וואָס ווערן דאָ דערציילט וועגן די וואונדער־טוער צווישן די תנאים, געפינען זיך אין תלמוד און אין מדרש. געוויינטלעך זיינען די תנאים געווען באַוואוסט מיט זייער חכמה און געלערנטקייט אין דער תורה. מ׳האָט פון זיי ניט דערוואַרט קיין וואונדער, קיין מופתים. זיי זיינען געווען נאָר אויסטייטשער פון דער תורה, לערער און פירער פון דור. עס זיינען אָבער געווען געציילטע תנאים, וואָס האָבן מער ווי אַלץ זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייגענעם, ניט געוויינטלעכן וועג אין פרומקייט. דאָס זיינען געווען חכמים, וואָס דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען נענטער צו גאָט ווי אַנ־דערע מענטשן. פאַר אַלעמען האָט די וועלט עקזיסטירט מיט איר פעסטער אָרדענונג; פאַר די וואונדער־טוער — אַזוי האָט דאָס פאָלק געגלויבט — ענדערט גאָט די געזעצן פון דער נאַטור, ווען נאָר זיי האָבן דאָס פאַרלאַנגט.

פון אַזעלכע בעלי־מופתים ווערט דאָ ווייטער דערציילט.

# חוני דער רעגנמאַכער

אויף צוויי רעגנס וואַרט מען אין ארץ־ישראל. אין אָנהויב ווינטער וואַרט מען אויף דעם פּרי־רעגן, וואָס מ׳רופט „יורה״ (יוירע), און אין פרי־ יאָר וואַרט מען אויף דעם שפּעט־רעגן, וואָס מ׳רופט „מלקוש״ (מאַלקויש). דער שפּעט־רעגן איז נאָך וויכטיקער ווי דער פרי־רעגן. ווען דער שפּעט־רעגן קומט ניט אין צייט, בלייבט די תבואה מאָגער און איינגעדאַרט.

ס׳איז געווען אַן ערך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אידן האָבן נאָך געהאַט זייער אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל אונטער דער הערשאַפט פון די חשמונאים. דאָס רוב פאָלק איז באַשטאַנען פון פויערים, וואָס זייער גליק איז שטענדיק אָפּגעהאַנגען פון רעגן.

האָט פאַסירט, אַז ס׳איז שוין געווען סוף אָדר און דער [illegible]־רעגן איז נאָך ניט געקומען. אַ טרויער האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ ארץ־ישראל — וועט דער שפּעט־רעגן ניט קומען אין צייט, וועט די תבואה זיין מאָגער און אַ הונגער וועט זיין אין לאַנד.

זיינען געשטאַנען אידן און ארויסגעקוקט צום ברעג הימל. זייער האַרץ איז געווען שווער. אָט איז שוין נאָך אַ טאָג אַריבער און קיין רעגן איז נאָך אַלץ ניטאָ.

און אַז נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג איז אַריבער און קיין וואָלקן האָט זיך ניט געוויזן אויפן קלאָרן הימל, האָבן זיך מחנות פויערים אָנגעהויבן ציען פון אַלע עקן לאַנד קיין ירושלים, צום בית־המקדש.

אַ גרויסע מחנה איז געשטאַנען אין דער „עזרה״ — דעם הויף פון בית־המקדש — און תפילה געטאָן אויף רעגן. אָבער קיין רעגן איז ניט געקומען.

האָבן אידן געזען, אַז זייער תפילה איז ניט געענטפערט געוואָרן, זיינען זיי אַוועק צו דעם פרומען חוני.

דאָס פאָלק איז געקומען צו אים און האָט געזאָגט:

— חוני, באַליבטער זון פון דעם האַר פון דער וועלט, טו דו תפילה פאַר אונדז.

האָט חוני געענטפערט און געזאָגט:

— טראָגט אַריין אייערע ליימענע אויווען, זיי זאָלן ניט צעווייקט ווערן. איך וועל תפילה טאָן צום באַשעפער פון דער וועלט און עס וועט באַלד רעגענען.

דאָס פאָלק האָט אַזוי געטאָן און איז געבליבן וואַרטן, זען וואָס עס וועט דאָ געשען.

חוני האָט אָנגעהויבן תפילה טאָן. ער האָט לאַנג געבעטן, אָבער קיין רעגן איז ניט געקומען. האָט חוני דערזען, אַז דער אויבערשטער קערט זיך ניט צו זיין תפילה, האָט ער גענומען אַ שטעקן, געמאַכט אַן עיגול ארום זיך און געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט, דיינע קינדער האָבן זיך געווענדט צו מיר, ווייל איך בין ביי דיר ווי אַן אייגענער מענטש. איך שווער דעריבער בא דיין גרויסן נאָמען, אַז איך וועל ניט אָפּטרעטען פון דאַנען ביז דו וועסט זיך דערבאַרימען אויף זיי.

און דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט וואָלקנס און ס'האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגנדל. דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט אויסגערופן:

— רבי, אונז דוכט זיך, אַז דער רעגן איז נאָר געקומען דיך צו באַפרייען פון דיין שבועה, אָבער אונדז פון הונגער וועט ער ניט ראַטעווען.

האָט זיך חוני ווידער געווענדט צום אויבערשטן:

— ניט דאָס האָב איך געבעטן, רבונו של עולם, איך האָב געמאָנט רעגן, וואָס זאָל פול מאַכן גריבער און ברונימער.

האָט אָנגעהויבן גיסן ווי פון עמערס. יעדער טראָפּן גרויס ווי אַ קוואַרט. האָבן די פויערים אָנגעהויבן שרייען:

— רבי, אַזאַ רעגן שווענקט אַראָפּ דעם גאַנצן געוויקס פון פעלדער. אַזאַ רעגן קאָן די וועלט חרוב מאַכן, אָבער אונדז פון הונגער וועט ער ניט ראַטעווען.

האָט חוני ווייטער געבעטן און געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט, ניט קיין שלאַקס־רעגן האָב איך געבעטן, נאָר אַ רעגן, וואָס זאָל ברענגען גערעטעניש אויף די פעלדער.

האָט באַלד דער שטורם־רעגן אויפגעהערט און ס'האָט אָנגעהויבען רעגענען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

האָט אַזוי גערעגנט און גערעגנט. אַלע גריבער און ברונימער זיינען פול געוואָרן. די גאַסן פון ירושלים זיינען פאַרפלייצט געוואָרן און דאָס פאָלק האָט געמוזט ארויפשטייגן אויפן הר־הבית.

האָבן אידן אָנגעהויבן בעטן:

— רבי, פונקט ווי דו האָסט תפילה געטאָן, אַז דער רעגן זאָל קומען, אַזוי טו תפילה, אַז ער זאָל אויפהערן.

האָט חוני געענטפערט:

— ס'איז אָנגענומען, אַז מ'טאָר ניט תפילה טאָן צום אויבערשטן, אַז ער זאָל העלפן קעגן צופיל גוטס. פונדעסט־וועגן, אויב דאָס צופיל גוטס קאָן ווערן אַ קללה, וועל איך ווייטער בעטן. ברענגט מיר אַן אָקס פאַר אַ קרבן.

האָט מען געבראַכט אַן אָקס.

חוני האָט אָנגעלענט זיינע הענט אויף אים און געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט, דיין פאָלק ישראל, וואָס דו האָסט ארויסגעפירט פון מצרים, קאָן ניט פאַרטראָגן ניט קיין צופיל שלעכטס און ניט קיין צופיל גוטס. ביסטו אין כעס געוועזן אויף זיי, האָבן זיי עס ניט געקאָנט פאַרטראָגן. האָסטו זיך דערבאַרימט און געגעבן זיי צופיל גוטס, קאָנען זיי עס אויך ניט פאַרליידן. האָב רחמנות און האַלט אָפּ דעם רעגן.

האָט באַלד אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט, די וואָלקנס האָבן זיך צעשפּרייט, די זון האָט ארויסגעשיינט. דאָס פאָלק האָט זיך ארויסגעלאָזן אין פעלד און אָנגעקליבן שוועמלעך, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן דורך דער צייט פון רעגן.

רבי שמעון דער זון פון שטח, דער גרעסטער געלערנטער און פירער בא אידן אין יענער צייט, איז געוועזן ניט צופרידן,

וואָס חוני האָט זיך געפילט אַזוי היימיש מיטן רבונו של עולם. האָט ער געשיקט נאָך חוני׳ן און צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווען דו ביסט ניט חוני, וואָלט איך דיך אַריינגעלייגט אין חרם. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דו נעמסט זיך איבער פאַרן האַר פון דער וועלט און פירסט אַלץ אויס בא אים. דו ביסט ווי אַ פאַרצויגן קינד בא זיין טאַטן. זאָגט דאָס קינד: „טאַטע, פיר מיך באָדן אין וואַרימע וואַסער". פירט ער אים. בעט דערנאָך דאָס קינד: „שווענק מיך אָפּ מיט קאַלטע וואַסער". שווענקט ער אים אָפּ. נאָכן באָדן בעט דאָס קינד: „גיב מיר נים, מאַנדלען, פערישקעס, מילגרוימען". גיט ער אים, דער טאַטע. דיין וועג אָבער מיטן אויבערשטן איז ניט אונדזער וועג.

דאָס פאָלק האָט גערופן חוני׳ן מיטן נאָמען „המעגל" — דער וואָס מאכט אַן עיגול ארום זיך. און אַזוי איז געבליבן זיין נאָמען: „חוני המעגל".

---

אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכן אַ בירגער־קריג אין ארץ־ישראל. די צוויי ברידער פון דעם חשמונאים־הויז, הורקנוס און אַריסטאָבול, האָבן געקעמפט צווישן זיך פאַר דער הערשאַפט איבערן לאַנד. הורקנוס מיט זיינע פאַרבינ־דעטע, די אַראַבער, האָבן זיך אַריינגעריסן אין ירושלים. אַריסטאָבול מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך באַפעסטיקט אויפן הר־הבית. ס׳איז געווען אַ ביטערע מלחמה, ווי נאָר אַ ברו־דער־קריג קאָן זיין.

האָט פּאַסירט, אַז חוני איז געגאַנגען פאַרביי הורקנוס׳עס לאַגער. האָבן אים די סאָלדאַטן געבראַכט צו הורקנוס׳ן. אַלע האָבן געקאָנט דעם הייליקן חוני און געגלויבט אין זיין גערעכ־טיקייט. האָבן די לייט פון הורקנוס׳ן געפאָדערט בא חוני׳ן, ער זאָל אויסבעטן בא דעם אויבערשטן אַ מפּלה אויף אַריסטאָ־בול׳ן. דער הייליקער מאַן האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן:

— אָ, האַר פון דער וועלט! די באַלאַגערטע און די

באלאנגערער זיינען דיינע קינדער. בעט איך דיך, דו זאָלסט ניט טאָן דאָס, וואָס זיי ווינטשן איינע די אַנדערע.

די סאָלדאַטן האָבן אים פאַרשטיינט.

אַזוי איז דער געטלעכער מאַן געשטאָרבן. אָבער דאָס פאָלק האָט פאַר אים צוגעטראַכט אַן אַנדער טויט. עס ווערט דערציילט אין דער אגדתא:

פרום איז געווען חוני, אָבער דאָך האָט ער געהאַט זיינע ספיקות. ער האָט זיך שטענדיק געוואונדערט איבערן פסוק פון תהילים, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ווען אידן האָבן זיך אומגעקערט פון בבל צוריק קיין ציון זיינען זיי געווען ווי אין אַ חלום. האָט חוני געפרעגט: „אידן זיינען דאָך געווען אין בבל זיבעציק יאָר, ווי קאָן מען דרעמלען און חלומען זיבעציק יאָר נאָכאַנאַנד?"

האָט דער אויבערשטער אים באַוויזן, אַז מ'קאָן יאָ שלאָפן זיבעציק יאָר נאָכאַנאַנד. דערציילט די לעגענדע:

חוני איז געגאַנגען אין וועג. האָט ער דערזען אַ מענטש פלאַנצט אַ באָקסער־בוים. האָט חוני געזאָגט צום פלאַנצער:

— ווייסטו ווי לאַנג עס געדויערט ביז דער באָקסער־בוים גיט ארוים פרוכט?

האָט דער פלאַנצער געענטפערט:

— יאָ, איך ווייס. עס געדויערט זיבעציק יאָר.

האָט חוני ווייטער געזאָגט:

— רעכנסטו, אַז דו וועסט לעבן זיבעציק יאָר?

האָט דער מאַן געענטפערט:

— איך האָב געטראָפן די וועלט מיט באָקסער־בוימער, וואָס מיינע עלטערן האָבן געפלאַנצט פאַר מיר; פלאַנץ איך אויך בוימער פאַר מיינע קינדער.

האָט חוני זיך געזעצט עסן אין פעלד, איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שלאָף. ער איז איינגעשלאָפן און ארום אים איז פלוצלינג אויסגעוואקסן אַ פעלז, וואָס האָט אים פאַרשטעלט פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפן גאַנצע זיבעציק יאָר. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געזען,

אַז איינער קלייבט באַקסער פון יענעם בוים. האָט חוני גע־פרעגט דעם באַקסער־קלייבער:

— ביסטו עס דער מאַן, וואָס האָט דעם בוים געפלאַנצט?

האָט יענער געענטפערט:

— ניט איך, נאָר מיין זיידע האָט דעם בוים געפלאַנצט.

האָט חוני צו זיך געזאָגט:

עס קוקט אויס, אַז איך בין אָפּגעשלאָפן גאַנצע זיבעציק יאָר.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן זיין אייזעלין, האָט ער גע־פונען אייזלען און אייזעלעך.

ער איז אַוועק אַהיים. געקומען אין שטאָט, האָט ער גע־פרעגט מענטשן:

— וואו וואוינט דאָ חוני'ס זון?

האָט מען אים געענטפערט:

— חוני'ס זון איז שוין לאַנג ניטאָ אויף דער וועלט. דאָ וואוינט חוני'ס איניקל.

האָט ער געזאָגט צו די מענטשן:

— איך בין עס חוני.

האָט אים קיינער ניט געגלויבט, איז ער אַוועק אין בית־מדרש. זעט ער די לערנער זיצן און ריידן תורה. זאָגט איינער:

דער ענין איז פּאַר אונדז קלאָר ווי אין די צייטן פון חוני; ער האָט דאָך שטענדיק פאַרענטפערט אַלע קשיות, וואָס די לערנער האָבן געהאַט.

האָט חוני געזאָגט צו די לערנער:

— איך בין עס חוני.

האָבן זיי אים ניט געגלויבט. איז חוני'ן טרויעריק גע־וואָרן אויפן האַרצן און ער האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט, ווייל מענטשן זאָגן: „אָדער חברשאַפט אָדער טויט". און ער איז געשטאָרבן.

# חוני'ס איינִיקלעך

דער כח אויסצובעטן רעגן בא גאָט, האָט דאָס פאָלק געגלויבט, איז איבערגעגאַנגען בירושה פון חוני'ן צו זיינע איינִיקלעך. דערציילט די גמרא, אַז שטענדיק ווען די וועלט האָט זיך גענויטיקט אין רעגן, האָבן די אידישע חכמים גע־שיקט נאָך אבא חלקיה'ן, חוני'ס אַן איינִיקל. ער פלעגט תפילה טאָן און עס פלעגט אָנהויבן רעגענען.

איינמאָל, דערציילט ווייטער די גמרא, האָט די וועלט זיך זייער גענויטיקט אין רעגן. האָט מען געשיקט צוויי תלמידי־חכמים צו אבא חלקיה'ן. זיינען זיי געקומען צו אים אַהיים און אים ניט געטראָפן. האָבן זיי געפרעגט:

— וואו איז איצט אבא חלקיה?

האָט מען זיי געענטפערט:

— אין פעלד.

זיינען זיי אַוועק אין פעלד און אים געטראָפן ווי ער שטייט און גראָבט די ערד. האָבן זיי אים באַגריסט:

— פרידן צו דיר, אבא חלקיה.

האָט ער זיי ניט געענטפערט.

די תלמידי־חכמים האָבן זיך געוואונדערט. זיי האָבן אָבער געשוויגן און געוואַרט.

די זון איז פאַרגאַנגען. אבא חלקיה האָט געענדיקט זיין אַרבעט, צונויפגעקליבן שטיקלעך האָלץ, געמאַכט אַ בינטל, אַרויפגעלייגט דאָס האָלץ און דעם גראָב־אייזן אויף איין אַקסל און זיין מאַנטל אויפן אַנדערן אַקסל און געלאָזט זיך גיין אַהיים. די תלמידי־חכמים נאָך אים.

דעם גאַנצן וועג איז אבא חלקיה געגאַנגען באָרוועס. ווען ער איז צוגעקומען צו אַ וואַסער, האָט ער אָנגעטאָן זיינע שיך.

זיינען די חכמים ווייטער געגאַנגען נאָך אים און זיינען צוגעקומען צו אַ פעלד באַוואַקסן מיט דערנער. האָט אבא חלקיה פאַרשאַרצט זיינע קליידער. די דערנער האָבן צעשניטן זיין הויט.

זיינען זיי ווייטער געגאַנגען ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט. אבא חלקיה׳ס פרוי איז אים ארויס אַנטקעגן אַן אויסגעפּוצטע.

זיי זיינען צוגעקומען צו אבא חלקיה׳ס הויז. האָט ער פריער אריינגעלאָזן די פרוי, נאָכדעם איז ער אַליין אריין. צום לעצט האָט ער אריינגעלאָזן די תלמידי-חכמים.

אבא חלקיה און זיין פרוי האָבן זיך געזעצט עסן און ניט פארבעטן די צוויי אורחים. ער האָט צעבראָכן אַ ברויט און געגעבן דעם עלטערן אינגל איין שטיקל ברויט, דעם קלענערן אינגל צוויי שטיקלעך ברויט.

אָפּגעגעסן, האָט אבא חלקיה געזאָגט אין דער שטיל צו זיין פרוי:

— איך ווייס דאָך צוליב וואָס די חכמים זיינען געקומען צו מיר. זיי זיינען געקומען, איך זאָל בעטן אויף רעגן. לאָמיר ארויפגיין אויפן דאַך און תפילה טאָן. אפשר וועט דער אויבערשטער אָננעמען אונדזער געבעט און עס וועט רעגענען, וועלן די תלמידי חכמים ניט דאַרפן אונדז בעטן.

זיינען זיי אַרויף אויפן דאַך. אבא חלקיה האָט זיך גע-שטעלט אין איין ווינקל און זיין פרוי אין צווייטן ווינקל און זיי האָבן תפילה געטאָן. צום ערשטן האָט זיך באוויזן אַ וואָלקן אויף דער זייט פון ווינקל, וואו זיין פרוי איז געשטאַנען. נאָכדעם ערשט פון דער זייט פון דעם ווינקל, וואו אבא חלקיה אַליין איז געשטאַנען. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען.

זיי זיינען אראָפּ פון דאַך. אבא חלקיה איז צוגעגאַנגען צו די חכמים און געזאָגט:

— רבותי, צוליב וואָס זייט איר געקומען?

האָבן זיי געענטפערט:

— מיר זיינען געשיקט געוואָרן צו דיר, דו זאָלסט בעטן אויף רעגן.

האָט אבא חלקיה זיך אָפּגערופן:

— געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס איר דאַרפט ניט אָנקומען צו אבא חלקיה׳ן.

האָבן זיי אים געענטפערט:

— מיר ווייסן, אַז דער רעגן איז געקומען צוליב דיין תפילה. אָבער איידער מיר גייען אַוועק, וואָלטן מיר געוואָלט, דו זאָלסט אונדז דערקלערן עטלעכע זאַכן אין דיין אויפפירונג.

האָט ער געזאָגט:

— פרעגט.

האָבן זיי געפרעגט:

— פאַרוואָס, אַז מיר האָבן דיך באַגריסט, האָסטו אונדז ניט געענטפערט?

— איך האָב געאַרבעט פון טאָג, האָב איך ניט געהאַט קיין רעכט איבערצורייסן מיין אַרבעט.

— פאַרוואָס האָסטו געטראָגן דאָס בינטל האָלץ און דעם גראָב-אייזן אויף איין אַקסל און דעם מאַנטל אויפן אַנדערן?

— ווייל דער מאַנטל איז ניט געווען מיינער, מ׳האָט אים מיר אַנטליען צו טראָגן אויף זיך און ניט פאַר קיין אַנדער זאַך.

— פאַרוואָס ביסטו געגאַנגען דעם גאַנצן וועג באָרוועס און אַז דו ביסט געקומען צו אַ וואַסער האָסטו אָנגעטאָן די שיך?

— אויף דער טריקעניש קאָן איך זען אויף וואָס איך טרעט, אין וואַסער ניט.

— פאַרוואָס האָסטו פאַרשאַרצט די קליידער, ווען דו ביסט דורכגעגאַנגען דורך דערנער?

— ווייל אַ קראַץ אויפן קערפּער פאַרהיילט זיך, אַ ריס אין קלייד ניט.

— פאַרוואָס איז דיין פרוי געקומען דיר אַנטקעגן אָן אויסגעפּוצטע?

— איך זאָל זיך ניט פאַרקוקן אויף אַנדערע פרויען.

— פאַרוואָס האָסטו פריער אַריינגעלאָזן אין שטוב דיין פרוי, דערנאָך זיך אַליין, און גאָר צום לעצטן אונדז?

— איך קאָן אייך ניט, האָב איך ניט געוואָלט לאָזן מיין פרוי צווישן פרעמדע.

— פאַרוואָס האָסטו אונדז ניט פאַרבעטן עסן מיט אייך?

— ווייל ס'איז ניט געווען גענוג פאַר אַלעמען, און איך האָב ניט געוואָלט, איר זאָלט מיר באַדאַנקען אומזיסט.

— פאַרוואָס האָסטו געגעבן דעם עלטערן אינגל איין שטיקל ברויט און דעם אינגערן אינגל צוויי שטיקלעך?

— ווייל דער עלטערער איז אין־דער־היים, דער קלענערער גייט אין בית־מדרש לערנען.

— און איצט נאָך איין פראַגע: פאַרוואָס האָט זיך דער וואָלקן צום ערשטן באַוויזן אין דער זייט פון דעם ווינקל וואו דיין פרוי איז געשטאַנען?

— ווייל די פרוי איז שטענדיק אין־דער־היים און גיט די אָרימעלייט ברויט אָדער אַנדערע זאַכן, וואָס מ'קאָן דערפון באַלד געניסן. איך אָבער גיב זיי געלט, פון וואָס זיי קאָנען ניט געניסן באַלד.

האָבן זיך די תלמידי־חכמים מיט אים צעזעגנט און אים באַדאַנקט פאַר זיינע קלוגע רייד.

---

חנן דער באַהאַלטענער איז אויך געווען חוני'ס אַן אייניקל. דאָס פאָלק האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ הייליקן און אַ רעגן־ברענגער. מ'האָט אים גערופן „דער באַהאַלטענער", ווייל ער פלעגט פון גרויס באַשיידנקייט זיך שטענדיק באַ־האַלטן, ווען מ'האָט אים געדאַרפט. אַז די וועלט האָט זיך אַמאָל שטאַרק גענויטיקט אין רעגן, האָבן די חכמים געשיקט צו אים די קליינע קינדער. זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט באַ די פּאָלעס און געבעטן:

— טאַטע, טאַטע, גיב אַ רעגן.

האָט ער געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט, גיב רעגן פון די קליינע קינדערס וועגן, וואָס ווייסן ניט דעם חילוק צווישן דעם טאַטן אין הימל, וואָס קאָן געבן רעגן, און צווישן מיר, אַ טאַטע, וואָס קאָן קיין רעגן ניט געבן.

און עס האָט אָנגעהויבן רעגענען.

## רבי חנינא בן־דוסא

ארום הונדערט און פופציק יאָר נאָך חוני המעגל האָט געלעבט נאָך אַ איד, וואָס דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז ער האָט געקאָנט אויספירן בא דעם אויבערשטן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. זיין נאָמען איז געווען חנינא: חנינא דער זון פון דוסא. די אגדתא דערציילט וועגן אים נאָך גרעסערע וואונדער ווי וועגן חוני׳ן און זיינע אייניקלעך.

אין רבי חנינא בן־דוסא׳ס צייטן זיינען געווען גרעסערע אידן פון אים, גרעסערע אין לערנען. אָבער ווען ס׳איז גע־קומען אויסצופירן עפּעס באַ דעם אויבערשטן, האָט מען זיך שטענדיק געווענדט צו רבי חנינא׳ן. רבי יוחנן בן־זכאי איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער אידישער געלערנטער און פירער. רבי חנינא בן־דוסא איז געווען זיין תלמיד. אָבער ווען רבי יוחנן בן־זכאי׳ס זון איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך דער רבי געווענדט צום תלמיד:

— חנינא, מיין קינד, טו תפילה צום אויבערשטן, מיין זון זאָל געזונט ווערן.

רבי חנינא האָט אריינגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די קני און האָט תפילה געטאָן. דער קראַנקער איז באַלד געזונט געוואָרן, און רבי יוחנן האָט געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געהאַלטן מיין קאָפּ צווישן די קני אַ טאָג מיט אַ נאַכט, וואָלט עס ניט געהאָלפן.

דאָסזעלביגע איז געווען, ווען דער זון פון רבי גמליאל׳ן איז קראַנק געוואָרן. מ׳האָט אויך געשיקט צו רבי חנינא׳ן, ער זאָל תפילה טאָן.

אַז רבי חנינא פלעגט תפילה טאָן, דערציילט די לעגענדע, פלעגט ער זיין אַזוי פאַרטיפט אין געבעט, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך ארום אים. איינמאָל, ווערט

דערציילט, איז רבי חנינא געשטאַנען פאַרטיפט אין אַ תפילה צום אויבערשטן. איז צוגעקומען אַ שלאַנג און אים אַ ביס געטאָן. רבי חנינא האָט ניט מפסיק געווען. די תלמידים זיינען געבליבן שטיין דערשראָקענע. ווען ער האָט געענדיקט זיין תפילה, האָבן די תלמידים געפרעגט:

— רבי, האָסטו ניט געפילט, אַז אַ שלאַנג האָט דיר אַ ביס געטאָן?

— איך האָב קיין זאַך ניט געפילט, האָט ער געענט־פערט.

שפּעטערצו האָט מען געפונען די שלאַנג אַ טויטע.

די תלמידים האָבן אויסגערופן:

— ווייי איז צו דעם מענטשן, וואָס אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן, און ווייי איז צו דער שלאַנג, וואָס האָט אַ ביס געטאָן רבי חנינא בן־דוסא.

אַ גרויסער וואונדער־טוער איז רבי חנינא בן־דוסא געווען, אָבער נאָך אַ גרעסערער אָרימאַן. די גמרא זאָגט, אַז אַלע טאָג פלעגט ארויס אַ קול פון הימל און זאָגן:

— די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט צוליב דער פרומ־קייט פון מיין זון חנינא'ן, און מיין זון חנינא באַנוגנט זיך מיט אַ ביסל באָקסער פון ערב־שבת ביז ערב־שבת.

די וועלט האָט ניט געוואוסט פון רבי חנינא'ס אָרעמקייט. ערב שבת, ווען אַלע פרויען האָבן געבאַקן און געקאָכט אויף שבת, האָט רבי חנינא'ס פרוי אָנגעהייצט דעם אויוון, כלומר'שט זי מאַכט שבת. די שכנות האָבן געזען, אַז אַ רויך שפּאַרט אַרויס פון קוימען, האָבן זיי ניט חושד געווען, אַז בא רבי חנינא'ן אין הויז פעלט אויף שבת.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ שלעכטע שכנה האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער מעשה. האָט זי געוואָלט פאַר־שעמען רבי חנינא'ס פרוי. ערב־שבת, ווען עס האָט זיך געהייצט אַ פוסטער אויוון, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אריין אין הויז. רבי חנינא'ס פרוי האָט זיך פאַרשעמט און איז אַריין אין אַן אַנדער צימער. די שכנה האָט אַ קוק געטאָן, און צו איר גרויס פאַרוואונדערונג האָט זי דערזען אַ פולן אויוון מיט

פאַרברווינטע חלות און אַ מולטער פול מיט טייג. האָט די שכנה גענומען שרייען:

— כאַפּט אַ לאָפּעטע, קומט שנעלער, די חלה ווערט צוגעברענט.

רבי חנינא׳ס פרוי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געשען אַ נס און האָט געענטפערט:

— אָט קום איך שוין, איך בין טאַקע אַרויסגעלאָפן ברענגען אַ לאָפּעטע.

אָבער ניט אַלע טאָג פּאַסירט אַ נס, אפילו אין רבי חנינא׳ס הויז, און זיין פרוי איז נמאס געוואָרן די שטענדיקע אָרעמקייט. איז זי צוגעשטאַנען צו רבי חנינא׳ן:

— ביז וואַנען וועלן מיר ליידן אַזויפיל?

האָט ער געזאָגט:

— וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

האָט זי געענטפערט:

— בעט, ער זאָל דיר געבן אַביסל פון דיין רייכן חלק, וואָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט געוואָרן אויף יענער־וועלט.

האָט רבי חנינא געענטפערט:

— גוט, איך וועל בעטן.

האָט ער תפילה געטאָן און ס׳האָט זיך באוויזן עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ האַנט, און האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ פוס פון אַ גילדערנעם טיש.

יענע נאַכט האָט זיך רבי חנינא׳ן געחלומט, אַז ער איז אויף יענער־וועלט. אַלע צדיקים זיצן און עסן פון גילדערנע טישן. יעדער צדיק זיצט בא אַ טיש, וואָס האָט דריי פיס, נאָר ער און זיין פרוי זיצן אַרום אַ טיש, וואָס האָט נאָר צוויי פיס; איין פוס פעלט. אינדערפרי האָט ער צו איר געזאָגט:

— ווילסטו טאַקע, אַז אַלע צדיקים זאָלן עסן פון טישן מיט דריי פיס און מיר פון אַ טיש, וואָס עס פעלט אים אַ פוס?

האָט די פרוי געענטפערט:

— ביסט גערעכט, חנינא, די שאנד וועט זיין גרויס. טו תפילה מ׳זאָל דעם געשאָנקענעם פוס צוריקנעמען.

האָט ער אַזוי געטאָן, תפילה געטאָן צום אויבערשטן און מ'האָט דעם גילדערנעם פוס צוריקגענומען.

---

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ מענטש איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי רבי חנינא'ס הויז און האָט דאָרטן פאַרגעסן עטלעכע הינער. רבי חנינא'ס פרוי האָט זיי געפונען. האָט רבי חנינא געזאָגט צו איר:

— פאַרנוץ ניט די אייער, וואָס די הינער וועלן לייגן, די הינער זיינען ניט אונדזערע.

די הינער האָבן געלייגט אייער, פון די אייער האָבן זיך אויסגעבריט הינדעלעך; אויך די הינדעלעך זיינען אויסגעוואקסן און געלייגט אייער. דאָס הויז איז אַזוי פול געוואָרן מיט הינער און אייער, אַז מ'האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן. רבי חנינא איז אַוועק און פאַרקויפט די אייער און הינער און געקויפט ציגן.

אַ צייט שפּעטער זיינען מענטשן צו אים געקומען און געזאָגט:

— דיינע ציגן טוען אָן שאָדן.

האָט רבי חנינא געענטפערט:

— אויב די ציגן טוען אָן שאָדן, זאָלן בערן זיי אויפעסן. אויב אָבער ניט, זאָל יעדע ציג קומען פאַרנאַכט פון פעלד אַהיים, טראָגנדיק אַ בער אויף אירע הערנער.

אין אָוונט האָט יעדע ציג געבראַכט אויף אירע הערנער אַ בער.

אין אַ צייט אַרום זיינען צוויי מענטשן פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי רבי חנינא'ס הויז. האָט רבי חנינא דערהערט ווי איינער זאָגט צום אַנדערן:

— אָט דאָס איז דער אָרט, וואו איך האָב פאַרגעסן מיינע הינער.

האָט רבי חנינא געזאָגט צום פרעמדן:

— קאָנסטו מיר אָנגעבן אַ סימן?

האָט דער פרעמדער געענטפערט: יאָ, און אָנגעגעבן אַ סימן.

האָט רבי חנינא געזאָגט:
— נעם דיר אָט די ציגן. זיי געהערן צו דיר.

---

דערציילט ווייטער די לעגענדע:
איינמאָל האָט געטראָפן, אַז רבי חנינא איז געגאַנגען און געטראָגן אַ קאָרב מיט זאַלץ אויפן קאָפּ. האָט אָנגעהויבן רעגענען. אַ קאָרב מיט זאַלץ האָט געמיינט פאַר דעם אָרימען רבי חנינאַ'ן אַ פאַרמעגן. האָט ער געזאָגט:
— רבונו של עולם, די גאַנצע וועלט איז איצט אין פריידן, ווייל עס רעגנט. ווילסטו, אַז חנינא זאָל זיין אין צער?
האָט דער רעגן אויפגעהערט.
ווער רבי חנינא איז געקומען אַהיים, האָט ער ווייטער אויסגערופן צום אויבערשטן:
— האַר פון דער וועלט, חנינא איז איצט אין פריידן. ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין זאַלץ. אָבער דער רעגן האָט אויפגעהערט און די וועלט איז אין צער.
האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען.

---

מ'האָט נאָך זיין טויט געזאָגט: מיט רבי חנינא בן-דוסא זיינען אַוועק די מענטשן פון גרויסע מעשים.

# נחום איש גמזו

אין איין צייט מיט רבי חנינא בן־דוסא האָט געלעבט נחום איש גמזו: נחום דער מענטש פון גמזו (גימזוי), אַ שטעטל אין דרום־מערב פון יהודה. שפּעטערצו האָט מען דעם נאָמען אויסגעטייטש אַנדערש: נחום איש־גם־זו, נחום דער מענטש, וואָס זאָגט אויף אַלץ, וואָס זאָל ניט פּאַסירן: „גם זו לטובה״ (דאָס איז אויך צום גוטן); ווייל נחום האָט געגלויבט, אַז אַלץ וואָס דער אויבערשטער טוט, טוט ער עס צום גוטן.

נחום איש גמזו איז געווען מער ווי אַ וואונדער־טוער. אין אַ צייט פון אומגליק אָדער צער, האָט ער ניט געדאַרפט אַפילו תפילה טאָן צום אויבערשטן. דער רבונו של עולם האָט שוין אַליין געוואוסט וואָס עס פעלט זיין באַליבטן זון, און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן.

איינמאָל, ווערט דערציילט אין גמרא, האָבן אידן באַשטימט שיקן אַ מתנה דעם קייסער אין רוים. אַ רייזע פון ירושלים קיין רוים איז דעמאָלט געווען ניט קיין קלייניקייט. די וועגן און די ימ׳ען זיינען געווען ניט קיין זיכערע, און די מתנה מוז דאָך אָנקומען. איז געבליבן, מ׳זאָל שיקן נחום איש גמזו. מיט אים איז מען געווען זיכער. וואָס פאַר אַן אומגליק עס זאָל ניט פּאַסירן, וועט דער אויבערשטער אים ניט פאַרלאָזן. און ס׳איז טאַקע אַזוי געווען.

האָבן אידן געשיקט צום קייסער אַ קעסטעלע מיט פּערל און בריליאַנטן. אויפן וועג האָט נחום איש גמזו זיך אָפּגעשטעלט איבערנעכטיקן אין אַ קרעטשמע. באַנאַכט האָבן די הויזלייט שטילערהייט געעפנט דאָס קעסטעלע, אַרויסגעגנבעט די פּערל און בריליאַנטן און עס אָנגעפילט מיט זאַמד. אין־דער־פרי האָט ער געעפנט דאָס קעסטעלע און דערזען, אַז ס׳איז אָנגעפילט מיט זאַמד. האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט:

— גם זו לטובה, דאָס איז אויך צום גוטן.

איז ער אָנגעקומען צום קייסער און געזאָגט:

— איך האָב געבראַכט אַ מתנה צו דיר פון די אידן.

מ׳האָט געעפנט דאָס קעסטעלע און דער קייסער האָט דערזען, אַז עס איז אָנגעפילט מיט זאַמד. האָט ער געזאָגט:

— די אידן לאַכן פון מיר! — און האָט באַפוילן אים צו טויטן.

האָט זיך אליהו הנביא פאַרשטעלט פאַר אַ סענאַטאָר און געזאָגט צום קייסער:

— לאָמיר זיך ניט איילן. אפשר איז דאָס קעסטעלע אָנגעפילט מיט דעמזעלביקן זאַמד, וואָס אברהם, דער פאָטער פון אידישן פאָלק, האָט באַנוצט אין זיינע מלחמות? ס׳איז דאָך באַוואוסט, אַז ווען אברהם האָט מלחמה געהאַלטן, האָט ער געוואָרפן זאַמד און פון דעם זאַמד איז געוואָרן שווערדן און פיילן.

האָט דער קייסער געזאָגט: מיר׳ן זען.

אין יענער צייט האָט דער קייסער געפירט אַ מלחמה מיט אַ מלוכה, וואָס ער האָט זי ניט געקאָנט באַזיגן. האָט מען באַנוצט דאָס זאַמד און מ׳האָט די מלוכה איינגענומען. האָט דער קייסער אַריינגענומען נחום איש גמזו אין שאַצ־קאַמער, אָנגעפילט דאָס קעסטעלע מיט גאָלד און בריליאַנטן און אים אַוועקגעשיקט מיט גרויס פאַראַד.

צוריקוועגס האָט נחום איש גמזו זיך אָפּגעשטעלט נעכ־טיקן אין דערזעלביקער אכסניה. חברה האָט זיך געוואונ־דערט אים צו זען אַ לעבעדיקן און געפרעגט:

— וואָס האָסטו אַזוינס געבראַכט דעם קייסער, וואָס מ׳האָט דיך צוריקגעשיקט מיט אַזאַ פאַראַד?

האָט נחום איש גמזו געענטפערט:

— איך האָב געבראַכט אַהין דאָס, וואָס איך האָב גע־נומען פון דאַנען.

די חברה-לייט האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי געוואָרן זיכער, אַז דאָ שטייט פאַר זיי פאַר אַ גרויס גליק. האָבן זיי אַראָפּגעריסן דאָס הויז און אָנגעפּאַקט קאַסטנס מיט ערד און אַוועקגעפירט צום קייסער און געזאָגט:

— יענע קעסטעלע זאַמד, וואָס מ׳האָט דיר געבראַכט, איז געווען פון אונדזער הויז. מיר האָבן דיר געבראַכט קאַסטנס גאַנצע.

דער קייסער האָט עס אויסגעפּרובירט און אויסגעפונען, אַז די קאַסטנס זיינען אָנגעפילט מיט געוויינטלעכן זאַמד. האָט ער געגעבן אַ באַפעל און מ׳האָט די גנבים פאַר׳משפט צום טויט.

---

נחום איש גמזו האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. ווי שלעכט ס׳איז אים ניט געווען, וויפיל ווייטאָגן ער האָט ניט געליטן, האָט ער געהאַלטן, אַז ס׳איז גוט אַזוי. עס דאַרף אַזוי זיין.

געליטן האָט ער זייער אַ סך. די גמרא דערציילט, אַז צוליב אַ קראַנקהייט האָט מען אים געדאַרפט אַראָפּנעמען ביידע הענט און ביידע פיס. ער איז אויך בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן, און זיין גאַנצער קערפּער איז געוואָרן באַדעקט מיט קרעץ. נחום איש גמזו האָט זיך אָבער ניט באַקלאָגט.

ער איז געלעגן אין אַן אַלט הייזל, וואָס האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן. די פיסלעך פון בעט זיינען געשטאַנען אין בעקנס וואַסער, אַז מוראַשקעס זאָלן ניט אַרויפקריכן אויף אים.

זיינע תלמידים האָבן געזען, אַז דאָס שטיבעלע האַלט באַם איינפאַלן, האָבן זיי געוואָלט אַרויסטראָגן די בעט מיטן קראַנקן רבין און דערנאָך דאָס איבעריקע מעבל און זאַכן פון הויז. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— קינדער מיינע, פריער טראָגט אַרויס אַלץ וואָס גע־פינט זיך אין הויז. גאָר צום לעצט — מיין בעט.

— וואָרום דיך צום לעצטן, רבי? — האָבן די תלמידים געפרעגט. יעדע מינוט איז דאָך אַ געפאַר.

האָט נחום איש גמזו געענטפערט:

— ווייל איך בין זיכער, אַז דאָס שטיבעלע פאַלט ניט איין נאָר צוליב מיין זכות. אַזוי שנעל ווי איר וועט מיך ארויסטראָגן, וועט עס איינפאַלן.

האָבן די תלמידים אַזוי געטאָן. פריער ארויסגעטראָגן דאָס מעבל און די כלים פון הויז און דערנאָך די בעט. ווי נאָר זיי האָבן ארויסגעטראָגן די בעט, איז דאָס שטיבל איינ־געפאַלן.

האָבן די תלמידים געפרעגט:

— רבי, וויבאַלד דו ביסט אַזאַ צדיק, וואָרום ווערסטו אַזוי באשטראָפט?

האָט ער געענטפערט:

— איך האָב עס אַליין אויסגעבעטן אויף זיך צוליב מיינער אַ זינד.

און ער האָט ווייטער דערציילט:

אַמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג; געגאַנגען צו גאַסט צו מיין שווער. האָב איך געפירט דריי אָנגעלאָדענע אייזלען. איין אייזל אָנגעלאָדן מיט עסנווארג, איין אייזל מיט גע־טראנקען און איין אייזל מיט אַלערליי זיסע שפייזן. האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן אָרימאַן אויפן וועג און צו מיר געזאָגט:

— רבי, גיב מיר עפּעס־וואָס צום עסן.

האָב איך אים געענטפערט:

— אָט באַלד, וואַרט נאָר ביז איך וועל אויסלאָדן אַן אייזל. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אויספּאַקן מיין אייזל, איז דער אָרימאַן געפאַלן און געשטאָרבן פון הונגער. האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף אים און געזאָגט:

— מיינע אויגן, וואָס האָבן קיין רחמנות ניט געהאַט אויף דיינע אויגן, זאָלן בלינד ווערן. מיינע הענט, וואָס האָבן קיין רחמנות ניט געהאַט אויף דיינע הענט, זאָלן אָפּגעשניטן ווערן. מיינע פיס, וואָס האָבן קיין רחמנות ניט געהאַט אויף דיינע פיס, זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן. און איך האָב ניט גע־

קילט מיין הארץ ביז איך האָב אויף זיך ניט גענומען, אז מיין גאנצער קערפּער זאָל באדעקט ווערן מיט קרעץ.

האָבן די תלמידים געזאָגט:

— ווייי צו אונדז, רבי, וואָס מיר זעען דיך אין אזא לאגע.

האָט ער געענטפערט:

— ווייי וואָלט מיר געווען, ווען איר וואָלט מיך ניט געזען אין אזא לאגע.

## רבי פנחס בן־יאיר

ארום הונדערט יאָר שפּעטער האָט געלעבט נאָך אַ תּנא, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ וואונדער־טוער. זיין נאָמען איז געווען רבי פּנחס בן־יאיר. ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער, אַ כּלל־טוער און זייער אַ פרומער. ער האָט זיך אָפּגעהיט פון אַ סך זאַכן, אויף וועלכע דער פּרימ־סטער האָט זיך ניט אומגעקוקט.

מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער ניט געגעסן קיין פרעמד שטיקל ברויט און זינט ער איז געקומען צום שׂכל האָט ער ניט פאַרזוכט פון זיין אייגע־נעם טאַטנס טיש.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז רבי פּנחס בן־יאיר איז גע־גאַנגען אויסלייזן געפאַנגענע אידן. אויף זיין וועג איז גע־לעגן דער טייך גינאַי. ס׳איז געווען אָנהויב פרי־יאָר, און די וואַסערן פון טייך זיינען געווען זייער הויך און מ׳האָט ניט געקאָנט אַריבער. האָט רבי פּנחס געזאָגט:

— גינאַי, גינאַי, צעשפּאַלט דיינע וואַסערן און לאָז מיך דורך.

האָט דער טייך געענטפערט:

— דו, פּנחס, גייסט טאָן דעם ווילן פון דיין באַשעפער, גייסט טאָן אַ מצוה אויסצולייזן געפאַנגענע אידן, און איך טו דעם ווילן פון מיין באַשעפער. דו ביסט אָבער ניט זיכער. אפשר וועט זיך דיר איינגעבן טאָן די מצוה און אפשר ניט. איך אָבער דערפיל איצט זיין ווילן. וואָרום זאָל איך שפּאַלטן מיינע וואַסערן און אָפּשטעלן מיין שליחות צוליב דיר?

האָט רבי פּנחס געענטפערט:

— אויב דו שפּאַלטסט ניט דיינע וואַסערן, וועל איך גוזר זיין, אַז קיינמאָל זאָל אין דיר קיין וואַסער ניט לויפן.

האָט דער טייך גינאַי געפאָלגט.

רבי פנחס בן־יאיר איז אַריבער דעם טייך. אויף יענער זייט איז אָבער געבליבן איינער, וואָס האָט געטראָגן ווייץ פאַר מצות אויף פסח. האָט רבי פנחס באַפוילן:

— צעשפּאָלט דיינע וואַסערן פאַר אים אויך, ער איז איצט פאַרנומען מיט טאָן אַ מצווה.

האָט דער טייך געפאָלגט.

איז אָבער געבליבן אויף יענער זייט טייך נאָך איינער, אַן אַראַבער. האָט רבי פנחס ווידער באַפוילן:

— גינאַי, צעשפּאָלט דיינע וואַסערן אויך פאַרן אַראַבער. זאָל ער ניט זאָגן: אַט אַזוי באַגייט מען זיך ניט מיט אַ באַגלייטער אויפן וועג.

האָט דער טייך געפאָלגט צום דריטן מאָל.

רבי פנחס איז געקומען און זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַכסניה. האָט מען זיין אייזל געגעבן עסן גערשטן. דער אייזל האָט ניט געגעסן. האָט מען דעם גערשטן דורכגעזיפּט און דער אייזל האָט זיך אַלץ ניט צוגערירט צום עסן. האָט מען דעם גערשטן נאָכאַמאָל גערייניקט און דער אייזל האָט פאָרט ניט געוואָלט עסן. איז מען געקומען צו רבי פנחס'ן און געזאָגט:

— מיר האָבן דיין אייזל געגעבן עסן גערשטן. מיר האָבן די תבואה געזיפּט, גערייניקט, און ער רירט זיך צו דעם ניט צו.

האָט רבי פנחס געענטפערט:

— אפשר האָט איר פון דעם גערשטן נאָך ניט אַראָפּגענומען קיין מעשר פאַר די לוויים?

האָט מען אַראָפּגענומען אַ צענטל פון דעם גערשטן פאַר די כהנים און לוויים, ווי דער דין איז, און דער אייזל האָט באַלד געגעסן. האָט רבי פנחס געזאָגט:

— מיין אָרימער אייזל גייט דאָך טאָן דעם ווילן פון זיין באַשעפער, און איר ווילט ער זאָל טאָן אַן עבירה און עסן תבואה, וואָס מען האָט פון איר ניט אַראָפּגענומען קיין מעשר.

ווען רבי יהודה הנשיא האָט דערהערט, אַז רבי פּנחס בן־יאיר קומט אָן, איז ער אים ארויס אַנטקעגן און צו אים געזאָגט:

— טו מיר צוליב און בלייב בא מיר אויף אַ מאָלצייט.

האָט רבי פּנחס געענטפערט:

— גוט, איך וועל בלייבן.

האָט רבי יהודה׳ס פּנים אָנגעהויבן שיינען פאַר פרייד און רבי פּנחס בן־יאיר האָט ווייטער געזאָגט:

— וואָס מיינסטו, איך האָב אַ נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון קיין אידן? חלילה. אידן זיינען אַ הייליק פאָלק. נאָר וואָס? עס זיינען דאָ איינציקע וואָס ווילן, אָבער זיי האָבן ניט. אנדערע האָבן און ווילן ניט. דו — אי דו האָסט, אי דו ווילסט. וועל איך בא דיר עסן. אָבער ניט איצט, ווייל איך בין פאַרנומען מיט טאָן אַ מצוה, איִל איך זיך. אויף מיין וועג צוריק וועל איך פאַרגיין צו דיר.

גייענדיק צוריק, איז ער פאַרגאַנגען צו רבי יהודה׳ן, ווי ס׳איז געווען אָפּגעמאכט. האָט אָבער גראָד פּאַסירט, אַז רבי פּנחס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טיר וואו עס זיינען געשטאַנען ווייסע מוילאייזלען. האָט ער געפרעגט:

— וואָס? ער, רבי יהודה, האלט בא זיך אַזעלכע מזיקים ווי ווילדע, ווייסע מוילאייזלען, און איך וועל בא אים עסן?

האָט עס רבי יהודה דערהערט, איז ער ארויסגעגאַנגען און געזאָגט:

— גוט, וועל איך זיי פאַרקויפן.

האָט רבי פּנחס געענטפערט:

— פאַר אַ בלינדן טאָר מען ניט לייגן קיין שטרויכלונג. דער קויפער וועט דאָך באַגיין דיזעלביקע זינד.

האָט רבי יהודה ווייטער געזאָגט:

— איך וועל זיי איבערלאָזן אויף הפקר.

האָט רבי פּנחס אים געענטפערט:

— דו וועסט מיט דעם אָנטאָן נאָר שאדן. ווער וועט אויף זיי אכטונג געבן?

האָט רבי יהודה זיך ווייטער געבעטן:

— איך וועל אויסשניידן ביי זיי די אָדערן פון די פיס, זיי זאָלן ניט קאָנען בריקען.

האָט רבי פנחס געענטפערט:

— ס'איז אַ צער בעלי חיים.

האָט רבי יהודה ווייטער געזאָגט:

— איך וועל זיי טויטן.

האָט רבי פנחס געענטפערט:

— ס'איז אַ זינד קאַליע צו מאַכן אַ גאַנצע זאַך.

רבי יהודה האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן, איז צוגע־שטאַנען צו אים, ער זאָל בלייבן אויף אַ מאָלצייט. אָבער מיטאַמאָל, דערציילט די לעגענדע, איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער באַרג צווישן זיי ביידן און זיי צעשיידט.

רבי יהודה האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אויבערשטער האָט דאָ צוגעשיקט רבי פנחס בן־יאיר'ן אַ גוטן אויסרייד ניט צו עסן בא אים. האָט רבי יהודה הנשיא זיך צעוויינט און געזאָגט:

— אויב בא זייער לעבן טוט גאָט אַזויפיל פאַר זיי, היינט וויפיל וועט ער פאַר זיי טאָן נאָכן טויט!

---

אין ארץ ישראל איז ניט זעלטן געווען אַ גרויסער דוחק אויף וואַסער. אין יענע צייטן איז געווען אַ מאַן, וואָס פלעגט גראָבן גריבער, עס זאָל זיך אין זיי אָנ־זאַמלען וואַסער פאַר מענטשן צום טרינקען. דער מאַן פלעגט זיי גראָבן פריי, כדי יעדער איינער זאָל קענען געניסן פון דעם וואַסער. האָט פּאַסירט, אַז זיין טאָכטער האָט געוואָלט אַריבערגיין אַ טייך און די וואַסערן האָבן זי פאַר־שלעפּט. מ'איז געקומען צולויפן צו רבי פנחס'ן און עס אים דערציילט. האָט ער געענטפערט:

— עס קאָן ניט זיין, זי זאָל אומקומען אין וואַסער. דער פאָטער האָט דאָך געטאָן דעם ווילן פון אויבערשטן דורך

וואסער. קאָן דען געמאָלט זיין, אַז די טאָכטער פון אַזאַ מענטשן זאָל אומקומען דורך וואסער?

באַלד האָט זיך טאַקע דערהערט אין שטאָט אַן אויסגעשריי:

— יענעמס טאָכטער איז דאָ!

וואָס האָט דאָרטן אין טייך פּאַסירט? דערציילט די אגדתא:

ווי נאָר רבי פּנחס האָט ארויסגערעדט זיינע ווערטער, איז אָנגעקומען אַ מלאך און אַרויסגעראַטעוועט דאָס מיידל פון טייך.

---

דורות און דורות האָבן גערעדט און דערציילט פון די וואונדער־טוער. די שפּעטערדיקע אמוראים האָבן זייער געהאַלטן פון רבי פּנחס בן־יאיר און רבי חנינא בן־דוסא, ס'איז דאָ אַ מאמר אין גמרא:

„אויב די ערשטע זיינען געווען ווי מלאכים, זיינען מיר ווי מענטשן. אויב די ערשטע זיינען געווען ווי מענטשן, זיינען מיר ווי אייזלען. אָבער אַפילו ניט אַזעלכע אייזלען וואָס רבי חנינא בן־דוסא, אָדער רבי פּנחס בן־יאיר האָט געהאַט".

(אויך וועגן רבי חנינא בן־דוסא'ס אייזל ווערט דערציילט אַן ענלעכע מעשה ווי וועגן דעם אייזל פון רבי פּנחס בן־יאיר).